

## La satire du monde hassidique

# Avrom Ber Gotlober (1811-1899)

***Avrom Ber Gotlober est un écrivain, poète, journaliste et éducateur juif partisan de la Haskala.
Il écrit de la poésie et du théâtre, principalement en hébreu et en yiddish.***

**Les deux grenadiers, d'après le tableau de P. Grotjohann**

## Deux hasidim (d'après"deux grenadier" de Heinrich Heine)

***Die Grenadiere,*** **Heinrich Heine (Texte original)**
Nach Frankreich zogen zwei Grenadier,
Die waren in Rußland gefangen.
Und als sie kamen ins deutsche Quartier,
Sie ließen die Köpfe hangen.
Da hörten sie beide die traurige Mär:
Daß Frankreich verloren gegangen,
Besiegt und zerschlagen das große Heer -
Und der Kaiser, der Kaiser gefangen.
Da weinten zusammen die Grenadier
Wohl ob der kläglichen Kunde.
Der eine sprach: Wie weh wird mir,
Wie brennt meine alte Wunde!
Der andre sprach: Das Lied ist aus,
Auch ich möcht mit dir sterben,
Doch hab ich Weib und Kind zu Haus,
Die ohne mich verderben.
Was schert mich Weib, was schert mich Kind,
Ich trage weit beßres Verlangen;
Laß sie betteln gehn, wenn sie hungrig sind -
Mein Kaiser, mein Kaiser gefangen!
Gewähr mir, Bruder, eine Bitt:
Wenn ich jetzt sterben werde,
So nimm meine Leiche nach Frankreich mit,
Begrab mich in Frankreichs Erde.
Das Ehrenkreuz am roten Band
sollst du aufs Herz mir legen;
Die Flinte gib mir in die Hand,
Und gürt mir um den Degen.
So will ich liegen und horchen still,
Wie eine Schildwach, im Grabe,
Bis einst ich höre Kanonengebrüll
Und wiehernder Rosse Getrabe.
Dann reitet mein Kaiser wohl über mein Grab,
Viel Schwerter klirren und blitzen;
Dann steig ich gewaffnet hervor aus dem Grab,
Den Kaiser, den Kaiser zu schützen.

צוויי חסידים זענען געגאַנגען צו פֿוס
אויף סוכּות צום רבין קיין ריזשין—
זיי האָבן געוואָלט הערן דעם שמועס
דעם רבינס מיט די אושפּיזין.
דאָ האָבן זיי אונטער וועגנס דערהערט
דאָס עס איז אַ גרויס אומגליק געקומען:
רב שׂראָלטשע ליגט נעבעך ווי אַ באַרג אין דר׳ערד,
מע האָט אים אין פֿעסטונג גענומען.
דאָ האָבן די חסידים געטאָן אַ געשריי
און אויף זיך געריסן די הויט:
—געוואַלד, ברודער — שרייַט איינער — אָך אונדז און וויי,
דערפֿון וועל איך קריגן מייַן טויט.
דער אַנדערער וויעט אויך ווי אַ הונט:
—יאָ, דיר איז צו שטאַרבן גרינגער;
איך אָבער האָב דאָך ווייַב און קינד,
וואָס וועלן מיר אויסגיין פֿון הונגער.
וואָס אַרט אונדז אַ ווייַב, וואָס אַרט אונדז אַ קינד—
מיר האָבן פֿאַר וואָס בעסערס צו בעטן.
לאָזן זיי פֿאַר הונגער פּגרן ווי הינט—
דער רבי, דער רבי אין קייטן.
נאָר איין בקשה וועל איך צו דיר האָבן:
אַז קומען וועלן מייַנע לעצטע מינוטן,
זאָלסטו אין ריזשין מיך זען צו באַגראָבן,
מיט ריזשינער ערד מיך באַשיטן.
דעם שבתדיקן טלית מיט דעם זילבערנעם קאַנט,
די תּפֿילין מיט די ברייטע רצועות,
אויך בראָנפֿן אַ פֿלאַש גיב מיר אין האַנט
און דעם שופֿר צו בלאָזן די תּקיעות.
אַזוי וועל איך רויק אין מייַן קבֿר ליגן ,
מייַן שלאָף וועט מיר קיינער נישט שטערן,
ביז איך וועל אַ מאָל דעם הייליקן ניגון
פֿון דעם רבינס זמירות דערהערן.
דער רבי וועט טרעטן אויף מייַן קבֿר דאָס גראָז,
דערפֿון וועל איך אויפֿשטיין ממילא—
אויפֿשטיין און טרינקען בראָנפֿן אַ גלאָז
און בלאָזן אַ תּקיעה–גדולה...

**Source :** Yitskhok Niborski